# אין דער וועלט פֿון ייִדיש

צונויפֿגעשטעלט
פֿון איציק גאָטעסמאַן

## נאָך וועגן דער ווילנער זומער־פּראָגראַם 2004 (אײַנדרוקן פֿון אַ באַטייליקטן)

א חודש אין „ייִדיש־לאַנד". בלויז ייִדיש: רעדן, ענען, שרײַבן, זינגען, טאַנצן, שפּילן, לערנען, לאַכן, ינען, אָטעמען, קונדסעווען... שטיפֿערײַ, דערמאָנונ־ ן... ייִדישע ליטעראַטור, דיכטונג, זיק, פֿילמען, טעאַטער, געשיכטע, בארעט, פֿילאָסאָפֿיע, פֿאָלקלאָר, ראַכוויסנשאַפֿט, ריטואַלן, טראַדיי־ עס, חכמה... – דער גאַנצער טויזנט־ ריקער אוצר פֿונעם אַשכּנזישן, מיזרח־ יראָפּעיִשן ייִדנטום.

ארום 40–50 אַנטיילנעמער פֿון דער אָגראַם זײַנען געווען יונגע מענטשן, ן זייער דריטן יאָרצענדליק. זיי גלן ווײַטער טראָגן דאָס רײַכטום און ם גײַסט פֿון ייִדיש. זיי וועלן זאָרגן ר נײַע יורשים און שטיצן די ווײַטער־ קע עקזיסטענץ פֿון דער שפּראַך.

וואָס האָט אונדז געגעבן די ילנער פּראָגראַם"? קענטענישן אין ר ייִדישער שפּראַך, אַזוי פֿיל וויפֿל דער איינער האָט נאָר געקאָנט אײַנ־ פֿן אין זיך פֿון דעם רײַכן קוואַל פֿון די באַגאַבטע ן איבערגעגעבענע לערער; ייִדישע געפֿילן לגבי דעם עבֿר; פֿאַרבינדונג מיט דער לויפֿנדיקער צײַט; געטרײַשאַפֿט דעם „נצח־ישׂראל לא ישקר"; ענערגישן אָנלאָד פֿאַרצוזעצן דעם „גאַנג אין דער ייִדיש־וועלט"; אַ ברייטן און טיפֿן בליק אויף דענקען בכלל, ייִדישן דענקען און אָנשויונגען; אַ מוסטער פֿון לערנען און קלאָרע פֿאַרשטעלונגען וועגן לערנען זיך אַליין.


Photo: Jay Levine
מענדי כּהנא

אָט זענען די נעמען פֿון די שאַפֿער, וועמענס ווערק מען האָט באַהאַנדלט אין משך פֿון דעם חודש: משה נאַדיר, חיים גראַדע, לייזער וואָלף, לייב ניידוס, דוד איינהאָרן, דניאל כוואַל־ סאָן, אײַזיק־מאיר דיק, משה קולבאַק, איזי כאַריק א"א. ס'איז אַ פּאַרדראָס, וואָס זייערע נעמען זענען ווייניק באַ־ קאַנט, אַז בלויז איינצלנע ווערק זייערע זענען אַרײַן אין אַנדערע ליטע־ ראַטורן, אַ דאַנק צופֿעליקע געשע־ ענישן צי סוביעקטיווע איבערזעצער. דעם ישׂראלדיקן לייענער זענען זיי אויך ניט באַקאַנט, כאָטש אין די ענציקלאָפּעדיעס האָט מען וועגן זיי געשריבן.

דער רעפּאָרטאַזש וועגן דער ווילנער פּראָגראַם וואָלט געווען ניט קיין פֿולער ווען איך זאָל ניט אָפּמערקן דעם פּערזענלעכן צושטײַער פֿונעם פֿאַר־ זיצער פֿון דעם ווילנער ייִדישן אינסטיטוט מענדי כּהנא (פֿאַרשטייט זיך חוץ זײַן אַרבעט ווי אַן אָנפֿירער).

מען מוז באַוווּנדערן זײַן אויסערגעוויינלעכע פֿיל־ זײַטיקע ערודיציע, אַרבעטפֿעיִקייט און אינטעליגענץ. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע קאָמפּאָנענטן פֿון דער פּראָגראַם; שטענדיק אַרײַנגעטראָגן אינדיווי־ דועלע אייגנאַרטיקייט, אָנגעפֿירט מיט עקסקורסיעס, פֿילמען־דעמאָנסטראַציעס, טעאַטראַלע פֿאַרשטעלונ־ גען, קאָנצערטן (מיט זײַן אייגענער באַטײַטיקער באַ־ טייליקונג), באַגעגענישן מיט דער געזעלשאַפֿטלעכ־ קייט, קבלת־שבת (דער אַזוי־גערופֿענער שבת־טיש) און הבֿדלות. ער באַהערשט פּערפֿעקט ייִדיש, עבֿרית, ענגליש, פֿראַנצויזיש און אַנדערע שפּראַכן; אַ גרויסער קענער פֿון ספֿרי־קודש און גמרא; אַ גלענצנדיקער פֿאַרשטעלער פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר, טראַדיציאָנעלע ניגונים און חזנות. דאָס אַלץ אויף אַ הויכן קינסט־ לערישן און קולטורעלן ניוואָ, מיט גרויסן טאַקט, צוטרויטלעך פֿאַר אַלעמען, מיט הומאָר צו דראַמאַטיזם, אָפּהענגיק פֿון די אומשטאַנדן.

מענדי כּהנא איז הײַנט אָן שום ספֿק איינער פֿון די פּראָמינענטסטע געזעלשאַפֿטלעכע און שעפֿערישע פּערזענלעכקייטן אין דער „ייִדיש־וועלט", ווי אויך אין ישׂראל, וווּ ער האָט מיט זיבן יאָר צוריק אויפֿגע־ שטעלט די אַסאָציאַציע „יונג־ייִדיש". די אַסאָציאַציע פֿאַראייניקט די ליבהאָבער פֿון דער ייִדישער קולטור, וועלכע טראָגן ווײַטער דעם המשך פֿון אונדזערע פֿאַרגאַנגענע דורות.

ס'איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז דער „ווילנער ייִדי־ שער אינסטיטוט" גרייט צו אַ פּראָגראַם פֿאַר דעם קומענדיקן זומער פֿון יאָר 2005. די אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם קען מען באַקומען דורכן טעלעפֿאָן אין ישׂראל, 972-3-5290442.

**לאַזאַר לובאַרסקי** (ישׂראל)